ב"ה

# צעירי השלוחים

"פאראינדעם צעירי השלוחים ארום דער וועלט"



A project of the Shluchim Office

פרשת חיי שרה

כ"ז מר-חשון תשס"ה

ערב שבת קדש פרשת חיי שרה תשס"ה

טייערע קינדער שלוחים! איר האט די גרעסטע זכות אין וועלט! די זכות צו לעבן און וואקסן אויף דער רבי'ס שליחות!!

די זכות איז אבער נישט אלעמאל א גרינגע. אסאך פון אייך קינדער שלוחים לעבן צייער וייט פון א ליובאוויטשער "סקול" און האבן נישט די חסידישע ווארעמקייט וואס קומט פון לערנען אין א חסידישע סביבה. דערפאר ברענגען מיר צו אייך די ערשטע באגע פון א צייטונג ספעציעל פאר אייך - די קינדער שלוחים. ליינט האט הנאה' און נעמט די ריכטיגע הוראות צו אויפטוהן אונזער שליחות- און ברענגען משיח נאו!!



# לעבן מיט דער צייט

## לכבוד כ' חשון

"דער אויבערשטער באווייזט זיך צו אברהם אבינו\
האט דער רש"ב צו זיין זיידע געוויינט\
"פארוואס קען איך נישט זעהן ה'?"\
און ער האט דאס מיט'ן גאנצע הארץ געמיינט.

מיר מוזן לערנען פון די מעשה\
אז מען מוז בעטן וויפל מען קען\
"ווי וואנט משיח נאו!!"\
דער אויבערשטער דאן צו זעהן!!

די וואך איז געווען די יארצייט פון דער רבי רש"ב. ווען דער רבי איז געווען יונג (פיר אדער פינף יאר אלט) האט ער געוויינט צו זיין זיידע די צמח צדק "פארוואס האט דער אויבערשטער זיך באוויזן צו אברהם אבינו און נישט צו מיר?" האט זיין זיידע געזאגט "ווען א איד א צדיק' וואס איז אלט 99 יאר האט א ברית מילה איז ער ווערד אז ה' זאל זיך באווייזן צו אים."

קינדער, פון יעדער חסידישע מעשה מיר קענען לערנען א הוראה. פון דער מעשה מיר זעהן אז אפילו א קליין קינד מוז וועלן זעהן דעם אויבערשטער. ווען וועלן מיר זעהן ה'? אין דער צייט פון גאולה!! מיר מוזן טאן אסאך מצוות שוין צו זעהן משיח, פונקט ווי דער רב רש"ב האט אויפגעשטעלט די ישיבה תומכי תמימים צוליב ברענגען משיח'ן וואס משיח קומט דורך לערנען חסידות.

# א הוראה פון די פרשה

## פרשת חיי שרה

בנוגע צו שרה און רבקה דערציילן חז"ל אז די שבת ליכט וואס זיי האבן אנגעצונדען, האבן געברענט און געלויכטן "מערב שבת לערב שבת" - א גאנצע וואך.

און וויבאלד אז די שבת ליכט פון שרה און רבקה אמנו האבן געברענט א גאנצע וואך''"מערב שבת לערב שבת" איז דערפון פארשטאנדיק, אז ענליך דערצו איז ביי יעדער אידישע פרוי און מיידל וואס צינדט שבת ליכט, אז כאטש אפילו די ליכט ברענען נישט א גאנצע וואך בגשמיות, ברענגען זיי אבער אריין אין שטוב א רוחניותדיגע ליכטיקייט אויף דער גאנצע וואך. וואס די ליכט באלייכט די אויפפירונג אין שטוב עס זאל זיין לויט די אנווייזונגען פון "נר מצוה ותורה אור".יעדער אידיש מיידל האט דער טיטול פון בת שרה רבקה רחל ולאה.

יעדער מיידל ברענגט אריין הייליגע ליכטיקייט אין די גאנצע הויז צוזאמען מיט איר מוטער און איר עלטערע שוועסטער נאך מער, דער מנהג איז אז די מיידלאך צינדן ליכט נאך פאר דער מוטער. קומט אויס, אז די קליינע מיידעלעך זיינען די ערשטע צו אריינברענגען די ליכטיקייט פון נרות שבת קודש אין דער שטוב. אויך נאך דעם ווי די מאמע און עלטערע שוועסטער צינדען ליכט, בלייבט ביי איך דער זכות צו זיין די ערשטע צו אריינברעגען די ליכטיקיט פון נר מצוה אין שטוב.

און דאס גרייט אייך צו אז ווען איר וועט אויסוואקסן און וועט חתונה האבן, זאלט איר אויך ליכטיג מאכן אייערע אייגענע הויז אלס עקרת הבית (דער בעל הבית'טע פון הויז.

און ווען איר וועט געבענטשט ווערן מיט קינדער, און צווישן זיי אויך טעכטער זאלט איר ערציען זיי אז אויך זיי זאלן ליכטיג מאכן די הויז מיט אידישקייט, ביז אז די הויז וועט ווערן ליכטיג כפשוטה.

און דורך דערויף- ליכטיג מאכן די גאנצע וועלט.

(פון "דער רבי' רעדט צו קינדער").

ב"ה



# דערציייל מיר א מעשה

## א יונגע שלוחה

*(די מעשה איז גענומען געווארן פון די ספר "ראש בני ישראל")*

איינמאל, האט דער שליח ר' גראסמאן געהאט די זכות אריינצוגיין צו דער רבי אויף יחידות. ער האט אריינגעגעבן א צעטל מיט די נעמען פון זיינע קינדער. ווען דער רבי האט געזעהן די נאמען פון זיין קלענסטע טאכטער, האט דער רבי געפרעגט אויב זי צינדט אן שבת ליכט. "זיכער!" האט ער געענטפערט. דער רבי האט גענומען א דאלער און געזאגט "דאס איז פאר דיין טאכטער אויף די נחת וואס זי ברענגט מיר! זאג איר אז זי זאל אויך רעדן מיט א שכנ'טע אז זי זאל אויך אנצינדען שבת ליכט." ר' גראססמאן איז אהיים געגאנגען און האט דערציילט זיין טאכטער וואס דער רבי האט געזאגט. שטעל זיך פאר ווי צופרידן זי איז געווען צו באקומען א ספעציעלע הוראה און דאלער פון דער רבי!! ווי פארשטאנדיג, האט זי גלייך אנגעהויבן רעדן מיט איר פריינט און די פריינט האט באשלאסן אז זי וועט אויך אנצינדען שבת ליכט. צוויי וואכן שפעטער, איז די פריינט'ס מאמע אריבערגעקומען צו די הויז פון די שלוחים און האט געפרעגט וויאזוי מען לייגט א שבת זייגער!! זי האט שוין געוואלט היטן שבת!

עם האט נישט גענומען לאנג ביז די גאנצע משפחה איז געווארן פרום!! אלץ איז געשעהן דורך די כחות פון דער רבי, מיט איין מיידל און איר שבת ליכט!

קינדער, נישט אלעמאל קען מען זעהן וואס אונזערע מעשים טוהן אויף, אבער מען מוז וויסן אויף זיכער אונזערע מעשים טוהן אויף אסאך, ווייל מיר וויסן אז עס שטייט "מעט מן האור דוחה הרבה מן החשך"- אפילו א קליינע מאס פון ליכטיקייט שטופט אוועק אסאך טונקלקייט. קינדערלאך, די גאנצע וועלט ווארט אויף אייך, אז דורך אייערע שליחות וועט איר אוועקשטופען די טונקלקייט פון גלות און ברענגען די ליכט פון גאולה!

"...אם אתם משמרים נרות של שבת



אני מראה לכם נרות של ציון"

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x105 ~ cyh@shluchim.org